**NYC**

**Charter Revision Commission**

**באשטימונג נומ. 4**

**באשטימונג פון די טשארטער רעוויזיע קאמיסיע (Charter Revision Commission) צו אננעמען די פרעלימינארע באריכט (Preliminary Report) און רעקאמענדאציעס פון דעם שטאב.**

ווייבאלד, אום דעצעמבער 12, 2024, האט דער מעיאר פון ניו יארק סיטי געגרינדעט די טשארטער רעוויזיע קאמיסיע (די "קאמיסיע") און אויפגענומען דרייצן מענטשן וואס זאלן דינען אין די קאמיסיע, אין איינקלאנג צו אפטיילונגען 36(4) און 36(6)(d) פון די מוניציפאלע לאקאלע הערשאפט געזעץ (Municipal Home Rule Law) פון ניו יארק סטעיט; און

ווייבאלד, די שטאב פון די קאמיסיע האט ארויסגעגעבן די טשארטער רעוויזיע קאמיסיע פרעלימינארע באריכט אום אפריל 30, 2025, וואס האט אידענטיפיצירט געביטן אויף וועלכע צו פאקוסירן באזירט אויף די עדות'שאפט וואס די קאמיסיע האט דערהאלטן פון דעם פובליקום, סיטי אגענטורן און פובליק באאמטע; און

ווייבאלד, די טשארטער רעוויזיע קאמיסיע פרעלימינארע באריכט ענטהאלט רעקאמענדאציעס פון די שטאב צו די קאמיסיע אנבאלאנגט האוזינג, וואלן און וואלן אנטיילנעמונג, נאן-פראפיט איינקויף און באצאלונג, קלימאט און אינפראסטראקטור, און דאס מאדערניזירן פון די סיטי מאפע; און

ווייבאלד, די רעזאלוציע צייגט אז די קאמיסיע האט אנגענומען די טשארטער רעוויזיע קאמיסיע פרעלימינארע באריכט אלס א סינטעזע פון אינפארמאציע וואס די קאמיסיע האט גענומען אין אכט ביז אהער און אז די קאמיסיע פלאנט צו נעמען אין אכט די שטאב רעקאמענדאציעס ביים באשטימען די ענדגילטיגע פארשלאגן וואס מען וועט פארשטעלן פאר וועלערס ביי די אלגעמיינע וואלן אום נאוועמבער 4, 2025; און

יעצט, דערפאר ווערט באשטימט אז די קאמיסיע זאגט אן די שטאב זאל ווייטער נעמען אין אכט די רעקאמענדאציעס וואס ליגן אין די פרעלימינארע באריכט;

און עס ווערט ווייטער באשטימט אז די קאמיסיע וועט פארזעצן איבערקוקן די גאנצע טשארטער און וועט נעמען אין אכט סיי וועלכע אנדערע ענינים וואס קומען ארויף ביי פובליק פאראהערן, דורך שריפטליכע עדות, אדער דורך די שטאב אויסער די וואס ווערן דא דערמאנט און די קאמיסיע זאגט אן די שטאב זאל צוזאמנעמען אלע נאך צונויפגעזאמלטע אינפארמאציע כדי די קאמיסיע זאל עס באטראכטן ביים צוגרייטן די ענדגילטיגע באריכט;

און עס ווערט ווייטער באשטימט אז די קאמיסיע זאגט אן די שטאב אנצוגרייטן אן ענדגילטיגע באריכט, פראגן און געדאנקען צו שטימען אויף זיי וואס זענען איינציג מיט די פריערדיגע פארשריפטן און מיט אלע פארערכטונגען וואס דער פארזיצער קען באשטימען אלס נויטיג און פאסיג מיטן מעלדן די מיטגלידער פון די קאמיסיע, און בתנאי אז די ענדגילטיגע באריכט, צוזאמען מיט די פראגן און געדאנקען צו שטימען אויף זיי, רעפלעקטירן די פארשלאגן פון די קאמיסיע און זאלן געגעבן ווערן פאר די קאמיסיע צו באטראכטן איידער מען זאל שטימען אויף זיי ביי די אלגעמיינע וואלן וואס וועלן פארקומען נאוועמבער 4, 2025.

דאטום: מאי 14, 2025